# מיר דארפן אכטונג געבן אויף די הייליגע 'טהורים'...

**מאמר השקפה**

פרשת ויקרא

שנת תשפ"ה לפ"ק

מיר שטייען שוין אין חודש ניסן, "**החודש אשר ישועות בו מקיפות**". כלל ישראל קוקט ארויס אויף ישועות ורפואות, אויף השפעות טובות און אויף בשורות טובות.

עס איז ידוע בשם דעם הייליגן **אפטער רב** ז"ל, און דער הייליגער רבי פון לובלין ז"ל, אז יעדן טאג פון די ערשטע 12 טעג אין חודש ניסן טראגט מיט זיך א גאנצן חודש פון די י"ב חדשי השנה, און אין יעדן איינציגן טאג ליגט באהאלטן אלעס וואס עס וועט זיך אפשפילן אין דעם חודש.

דער הייליגער **בני יששכר** ברענגט אין **אגרא דכלה** אז דער רבי פון לובלין ז"ל פלעגט יעדעס יאר אין די טעג פון חודש ניסן זאגן פון פאראויס וואס עס וועט פאסירן אין דעם חודש, אלעס האט ער פאראויס געזען מיט זיינע לעכטיגע אויגן.

אה, אין הימל שרייבט מען שוין אין די טעג אונזער עתיד פאר'ן יאר, יעדן טאג א חודש, יום לחודש! יום לחודש!

## ויקרא אל משה...

**דער קליינער אלף פון ויקרא דארף אונז אויפוועקן און מעורר זיין, אויב ווילן מיר שפירן אז די קליינע "טהורים" קענען אונז עפעס העלפן, אויב ווילן מיר זוכה זיין צו רפואות און ישועות אין זכות פון די "טהורים" דארפן מיר ווייזן ווי שטארק מיר שעצן און רעספעקטירן די לימוד התורה בקדושה ובטהרה, און מיר מוזן ווייזן אז מיר ווילן דאס און מיר זוכן דאס ממשיך צו זיין, און עס איז אונזער ציל און האפענונג אז עס זאל ווייטער וואקסן און בליען דער "לגיון של מלך".**

די קינדערלעך האבן זונטאג געטראגן אין חדר דעם נייעם חומש. "ויקרא" און ער האט גערופן. "אל משה" צו משה.

אין די היינטיגע וועלט איז ליידער דער באגריף פון 'קדושה וטהרה' זייער זעלטן, די גאס פראדוצירט דאס פארקערטע דערפון אין ריזיגע קוואנטומען. דאס אומריינקייט וואס אמאל האט מען געדארפט ארויסגיין ווייט אויסער די אייגענע מחיצות, ארויס פון די ד' אמות ווען מען האט דאס ח"ו געוואלט, דאס קומט היינט אריין אינעווייניג אין שטוב.

קליינינקע מכשירים, וויכטיגע כלים וואס מען 'מוז' האלטן אין די קעשענע בכל עת ובכל זמן, זענען אמת'ע כלי משחיתים, מכלים מנפש ועד הבשר, קליינע כלים אבער האבן אין זיך הויכע וואליום פון כפירה ומינות, טומאה וזוהמא, און זענען בכח צו מטמא זיין במגע ובמשא ובראי' אויף א שווערן פארנעם.

די גדולי ישראל עיני העדה שליט"א פירן שווערע מלחמות קעגן די כלים. מ'איז כסדר מתריע און מעורר, מ'זיצט אויף אסיפות און מ'איז מטכס עצה, פון איין זייט שטעלט מען גדרים וסייגים אז ביי בחורי הישיבות און אברכי הכוללים, די וואס דארפן דאס נישט האבן פאר פרנסה זאלן דאס טאקע נישט האבן. אויסער דעם פרובירט מען וואס מ'קען דאס אהערצושטעלן צו פארמינערן די שאדנס ווי ווייט מעגליך, עס זאל זיין געפילטערט, עס זענען האבן צוימען, מ'זאל נישט זיין אזוי אפן צום שאול תחתית.

אבער ליידער, וויפיל מען טוט איז נאך ליידער דער פתח פתוח אפן ברייט, און רבים וכן שלימים פאלן אריין.

אזוי צי אזוי, דארף מען האבן גרויס סייעתא דשמיא, וויל די נסיונות, חוץ וואס זיי זענען אויס אומבאקעמפבאר, ווערן זיי נאך פון יאר צו יאר שווערער און שווערער, און דער ס"מ איז ממציא פרישע כלים און המצאות פון צייט צו צייט, וואס הצד השוה שבהן שדרכן לילך ולהזיק.

דאס איינציגסטע וואס איז אונז געבליבן אזויווי אמאל זענען די קליינע קינדער, די צאן קדשים, הבל פיהם של תינוקות של בית רבן!

יא יא, 'ויקרא', און ער האט גערופן, 'אל משה' צו משה. די הייליגע קולות, דאס איז אקוראט דאס זעלבע ווי דאס וואס עס איז געווען מיט טויזנט יאר און צוויי טויזנט יאר צוריק. דאס האט זיך נישט געטוישט, דאס איז געבליבן גענוי אזוי, און נישט בחינם זענען מיר זיך אזויפיל תולה אין די קינדערלעך, און אונזערע ערווארטונגען פון זיי זענען אזוי גרויס.

נישט בחינם יעדעס מאל ווען א איד האט ח"ו א שווערע מינוט אין שטוב, עס איז דא א חולה בתוך ביתו, עס האט עפעס נישט גוטס פאסירט, די ערשטע זאך לויפט מען צום טעלעפאן און מען קלינגט אריין מזכיר זיין אין תלמוד תורה אז די צאן קדשים זאלן תהילים זאגן אדער לערנען לרפואתו. אזוי אויך ווען עמיצער וויל טון א דבר טוב לעילוי נשמת זיינע נאנטע איז דער ערשטער אדרעס ביי תינוקות של בית רבן.

וויפיל אידן וואס זוכן ישועות קומען צו גיין מתפלל זיין שבת אינדערפרי ווען די קליינע קינדער קומען זיך צונויף זאגן תהילים מיט א השתפכות הנפש, מיט די פולע אמונה אז דא ליגט די ישועה, און די יונגע נשמה'לעך זענען בכח אויפצורייסן שערי שמים, און משפיע זיין רפואות וישועות להכלל והפרט.

אויב אזוי איז דאך אונזער ערשטער און הייליגסטער פליכט אכטונג צו געבן אויף דעם אוצר, נישט וויינגער ווי מ'גיבט אכטונג אויף יעדן טייערן און היסטארישן חפץ וואס מען האט אין שטוב. אויב פארשטייט מען טאקע אז די תשב"ר טראגן מיט זיך אזא מורא'דיגן ווערד, זיי זענען טאקע אזוי תוכנ'דיג, אזוי מקורות'דיג, אזוי לויטער און הייליג, וואלט מען ווען געדארפט טון כל פעולות שבעולם אכטונג צו געבן אז די קדושה זאל בלייבן

אלעמאל, און זאל ח"ו נישט באקומען קיין געלעגנהייט דאס צו קענען מחלל זיין.

און אז מיר הערן אז אויך בחורי חמד, וואס זענען שוין עלטער און מער ערוואקסן, און זיי וואלטן לייכטער געקענט האבן צוטריט צו זאכן וואס מ'דארף נישט, און זיי שטעלן זיך ארויס פעלזן פעסט מיט אלע כוחות קעגן די נסיונות פון די גאס, זיי זענען זיך מתנזר בכל יכלתם פון אלעס וואס איז נישט ריין, ווי אויבנדערמאנט, דאס איז די טהרה, דאס האלט אויף ווייטער די קדושה פון די צאן קדשים, דאס באגלייט אונזערע תינוקות של בית רבן זאלן אנהאלטן זייערע כוחות אויך אויף ווייטער.

יא יא, דער בין הזמנים הנה זה עומד אחרי כתלינו, און אונזערע בחורים'לעך דארפן די שמירה מעולה.

## כי לא תשכח מפי זרעו

אז מ'באריר[ט] די טעמע פון '**יבואו טהורים**', און אידישע קינדער זענען פארפייניגט אונטער'ן שאטן פון די שווערע גזירות החינוך וואס לויערט איבער די קעפ פון יהדות ניו יארק, דארפן מיר אסאך חיזוק אין די אלע ענינים.

> **יעדער מנהל וואס שטייט היינט בראש פון א מוסד וואס איז זיך מתנזר משולחן איזבל איז א "מסירות נפש איד", אין אנדערע ווערטער מיינט דאס אז דער איד האט אוועק געווארפן אלע מנעמי העולם הזה, ער וואלט געקענט לעבן א רואיג גליקליך לעבן, און ער האט בוחר געווען צו לעבן נע ונד, לעבן מיט בזיונות, לעבן ווייט אפגעריסן פון די משפחה, אלעס כדי נישט אוועקצוגיין פונעם מסורה, אלעס כדי נישט מועיל צו זיין בתפקידו, און ווייטער ממשיך זיין די הייליגע חינוך הטהור פון הר סיני.**

מיר ווייסן און געדענקען אז די תשב"ר דאס איז אונזער היסטארישע אוצר וואס מיר האבן נישט נאך אזוינס אויף אונזער וועלט. עס איז א הייליגע איבערבלייבעניש פון די פריערדיגע דורות, און זיי האבן מורא'דיגע כוחות אין זיך, און מיר זענען מחויב צו שטיין און אכטונג געבן אויף זיי כעל בבת עינינו.

ווען וועלט וואלט ווען געווען וועלט, וואלט יעדער פרואוו איבער א שינוי אין א תלמוד תורה געמאכט א טומל. ערליכע אידן איבעראל וואלטן ארויסגעגאנגען און געוויינט "**אל תחטאו בילד, אל תגעו במשיחי, אלו תינוקות של בית רבן**", און מ'וואלט געטון כל מה שביכלתם אז כאטש די איינע פעסטונג וואס איז אונז געבליבן, די איינע סגולה וואס איז נאך ארגינעל, דאס זאל בלייבן כמתכונתה, כאטש דעם פקדון זאל מען קענען אפגעבן פאר משיח צדקינו אויפן זעלבן אופן ווי מ'האט דאס באקומען.

דאס מיינט אוודאי אויך די מוסדות התורה אין ארה"ק וואס זענען נישט עומד בנסיון, און זיי ווערן אויסגעהאלטן און געשטיצט משולחן איזבל. די רשעים, מסיתים ומדיחים עוקרי הדת זענען די וואס פינאנסירן די לימודים, און פון זייערע געמיינע געלטער ווערן די תלמודי תורה אויסגעהאלטן.

איי, איז דאס שמערצליך ווען בעד בצע כסף האט מען ווידעראמאל מוותר געווען אויף עפעס וואס ווערט לשיטתם זיין א הסדר אין די נושא פון גיוס בני הישיבות. בזמן וואס דאס גאנצע געלט נעמען משולחן איזבל איז פסול, גייט מען נאך וועגן דעם מפקיר זיין רבבות בחורי חמד צום כור היתוך פון די מדינה רח"ל.

אבער אפילו דער מצב איז ליידער אזוי ווי עס איז, טארן מיר אבער בשום אופן נישט צולאזן אז דער מציאות זאל אנגענומען ווערן אזוי ווי עס איז, און מיר זאלן שלום מאכן מיט'ן מצב.

מיר מוזן דאס חזר'ן און געדענקען דעם חומר הענין פון משנה זיין דעם חינוך, און אוודאי וויפיל אונזערע רבי'ס האבן לוחם געווען און געגעבן בלוט צו שטיין על משמר החינוך הטהור, און דאס נישט לאזן פארקויפן פאר די סטרא אחרא ר"ל.

מיר טארן נישט באקומען קיין קרירות אין הארץ צו די מערכה. די הייליגע מוסדות אין ארה"ק וואס שטייען מיט מסירות נפש על טהרת הקודש דארפן ביי אונז פארדינען דעם פולסטן יראת הכבוד און רעספעקט. מ'דארף זיך אויפשטעלן מלא קומתו פאר יעדן מנהל פון א מוסד על טהרת הקודש וועלכער איז נע-ונד קיין חו"ל אונז מזכה צו זיין מיט די געוואלדיגע מצוה צו קענען שטיצן די מוסדות עטה"ק.

יעדער מנהל וואס שטייט היינט בראש פון א מוסד וואס איז זיך מתנזר משולחן איזבל איז א "מסירות נפש איד", אין אנדערע ווערטער מיינט דאס אז דער איד האט אוועק געווארפן אלע מנעמי העולם הזה, ער וואלט געקענט לעבן א רואיג גליקליך לעבן, און ער האט בוחר געווען צו לעבן נע ונד, לעבן מיט בזיונות, לעבן ווייט אפגעריסן פון די משפחה, אלעס כדי נישט אוועקצוגיין פונעם מסורה, אלעס כדי נישט מועיל צו זיין בתפקידו, און ווייטער ממשיך זיין די הייליגע חינוך הטהור פון הר סיני.

עס קען נישט זיין, עס איז דא א הבטחה פון "כי לא תשכח מפי זרעו", און עס איז זיכער און קלאר אז די אמת'ע ריינע תורה וועט בע"ה האבן א קיום אויף אייביג, און עס איז נישט מעגליך אז א תלמוד תורה אדער א ישיבה זאל זיך צושפארן בלויז ווייל זיי ווילן זיך נישט אוועק רירן פונעם דרך המקובל מדור דור. עס גלויבט זיך אז הדבר תלוי בידינו.

ווי שיין און ווי הערליך איז דער מציאות וואס האט זיך געשאפן אין די לעצטע יארן ווען די מנהלי המוסדות קומען ארויס קיין חוץ לארץ ווערן זיי אפגעווארט אין די כוללים און אין די בתי מדרשים מיט גאר הערליכע סכומים געלט פון טויזנטער דאלארן בלי גוזמא. די וואונדערליכע 'קופות' וואס חשוב'ע עסקנים האבן מייסד געווען - אָנגעהויבן מיט "קרן אברהם יוסף" אין מבצר הכוללים דקרית יואל, און פון דארט אריבער צו מערערע סאטמארע בתי מדרשים און כוללים איבער ניו יארק - איז דער גרעסטער חיזוק פאר די מסירות נפש'דיגע מנהלי המוסדות.

מיט אביסל הארץ און געפיל וואלט ווען געקענט זיין נאכמער חיזוק פאר די טייערע אידן. במשך דעם יאר דרייען זיך דא אין חוץ לארץ מנהלים פון מוסדות התורה און ישיבות אין ארה"ק, זיי זענען זיך משפיל און מכניע, צווישן די זענען דא חשוב'ע ראשי ישיבה וואס במקום מושבם זיצן זיי בכבוד בראש הישיבה, און קומענדיג אהער זענען זיי מושפל און גייען ארום אין די קעלט אין די פרעסטן קלאפן אויף די טירן.

אט די הייליגע מסירות נפש אידן דארפן פון אונז חיזוק, זיי דארפן א שיינע נתינה להחזקת המוסד, און זיי דארפן אויך זען און באמערקן אז מיר שעצן און רעספעקטירן זייער מסירות נפש.

אויב א מוסד אדער ישיבה קען נישט ממשיך זיין געהעריג, מיינט דאס פאר אונז אלע א פאטש אין פנים, עפעס האבן מיר בני חו"ל נישט געהאנדלט ווי עס דארף צו זיין אז די מנהלים זענען מיד געווארן פון שלעפן

דעם שווערן יאך, ערגעץ האבן זיי געשפירט אז עס איז נישט כדאי דאס מסירות נפש, און זיי האבן באשלאסן דאס איבערצולאזן.

דער קליינער אלף פון ויקרא דארף אונז אויפוועקן און מעורר זיין, אויב ווילן מיר שפירן אז די קליינע "טהורים" קענען אונז עפעס העלפן, אויב ווילן מיר זוכה זיין צו רפואות און ישועות אין זכות פון די "טהורים" דארפן מיר ווייזן ווי שטארק מיר שעצן און רעספעקטירן די לימוד התורה בקדושה ובטהרה, און מיר מוזן ווייזן אז מיר ווילן דאס און מיר זוכן דאס ממשיך צו זיין, און עס איז אונזער ציל און האפענונג אז עס זאל ווייטער וואקסן און בליען דער "לגיון של מלך".

אט דאס אלעס דארפן מיר זיך מתבונן זיין ווען מיר לערנען די פרשה פון "ויקרא אל משה" מיט'ן קליינעם אלף.

## ווער איז אונזער רבי?!

ביי א געלעגנהייט האבן מיר געהערט א מעשה פון **כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א:**

"מיט יארן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען א איד, וועלכער האט דערציילט אז ער איז געווען א תלמיד פונעם פעטער **מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה** אין די ישיבה אין קראלי. ער איז געווען צווישן די כותבי החידו"ת און געהאט דעם מליצה'דיגן טיטל 'ספרא דמאר"י ט"ב', און ער האט געהאט צו דערציילן פארשידענע שיינע זכרונות וואס ער האט געדענקט פון יענע תקופה.

"ווען איך האב דאס דערציילט פאר'ן טאטן זלה"ה, האט ער געזאגט אז ער געדענקט גוט דעם תלמיד אין די ישיבה אין קראלי און ער איז געווען א שטארק-געלונגענער בחור, א בעל כשרון.

"מיט דער צייט איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט איינעם פון די עלטערע תלמידים פונעם פעטער ז"ל אין קראלי, האב איך אים געפרעגט וואס עס איז געווען די סיבה פארוואס יענער איד – וועלכער איז געווען צווישן די געלונגענע בחורים – איז אוועקגעגאנגען פון קראלי צו א צווייטע ישיבה?

"האט ער מיר דערציילט אז אינדערהיים איז געווען דער סדר אז די בחורים האבן געהאט זייער אכסניא ביי די הייזער איבער די שטאט, און דער פעטער ז"ל האט ממנה געווען גבאים וועלכע פלעגן אריבערגיין צווישן די אכסניות און געהאלטן אן עינא פקיחא אויף די בחורים וויאזוי זיי פירן זיך אויף.

"איינמאל האט מען געטראפן ביי דעם בחור אז ער האט באהאלטן אין זיין צימער נישט-כשר'ע ביכלעך ל"ע, וואס דאס איז דעמאלטס געווען דער ארגסטער מיטל פונעם ס"מ אפצופירן אידישע בחורים פון דרך הישר ר"ל.

"דער פעטער ז"ל האט אין דעם געזען א שרעקליכע סכנה און ער האט געהאלטן אז א בחור וואס איז אנגעליינט מיט ספרי מינות איז א שרעקליכע סכנה פאר אנדערע בחורים, און קען ל"ע אסאך קאליע מאכן. האט ער געלאזט רופן יענעם בחור און אים געזאגט בזה הלשון: **"איך הער אז דו האסט א נייעם רבי'ן"** (דער שרייבער פון די ביכלעך)... **און דער בחור איז באפוילן געווארן תיכף ומיד צו פארלאזן די כותלי בית המדרש און עס האט נישט געהאלפן קיין שום תירוצים און פראטעקציעס".** (ועיין מ"ש רביה"ק ז"ל בסוף ספרו הק' ויואל משה מאמר ג' סי' נ' בשם דורשי רשומות.)

ביז אהער וואס דער רבי שליט"א האט דערציילט.

און דא דארפן מיר נאכאמאל איבערפרעגן די ברענענדיגע שאלה, שטייענדיג ביים התחלת הזמן:

ווער איז אונזער קינד'ס רבי?!

איז טאקע זיין רבי, זיין מורה דרך, זיין מגיד שיעור, זיין משפיע, דעם וועמען די עלטערן און זייערע מנהלים זענען מחליט, אדער נעמט ער זיך אליין אייגענע רבי'ס?!

## אומגעוואונטשענע מחנכים...

יא ליידער, אין דער צייט וואס אין די היימישע מוסדות מוטשעט מען זיך שווער מיט'ן טרעפן פאסיגע מלמדים און מחנכים, גוטע מגידי שיעור פאר אונזערע בחורים, זענען פאראן אומגערופענע מחנכים און משפיעים, וואס קומען אן צו אונזערע קינדער פון אנדערע ריכטונגען.

זיי קומען אפילו אן קיין הזמנה, מ'דארף זיי נישט באשטעלן, און צומאל זענען זיי אפילו אומזיסט, זיי רעכענען נישט קיין שכר לימוד, אבער וואס עס איז קלאר באשטעטיגט אלס א פאקט, אז זיי זענען בכח צו נעמען די גאנצע הארעוואניע פון די עלטערן, פון די מלמדים, פון די מגידי שיעור, און שטויסן אין א זייט. זיי האבן פיל א שטארקערע השפעה אויפ'ן מח פונעם קינד, און זייער השפעה איז שווער צו דערווייטערן.

עס איז ליידער א מציאות אז דער מכשול פון די 'אומגעווינטשענע מחנכים' איז דא, עס גייט אן, און עס עקזיסטירט, און זיי זענען משחית ומכלה מנפש ועד בשר במדה גדושה בעוה"ר.

**זיי קומען אפילו אן קיין הזמנה, מ'דארף זיי נישט באשטעלן, און צומאל זענען זיי אפילו אומזיסט, זיי רעכענען נישט קיין שכר לימוד, אבער וואס עס איז קלאר באשטעטיגט אלס א פאקט, אז זיי זענען בכח צו נעמען די גאנצע הארעוואניע פון די עלטערן, פון די מלמדים, פון די מגידי שיעור, און שטויסן אין א זייט. זיי האבן פיל א שטארקערע השפעה אויפ'ן מח פונעם קינד, און זייער השפעה איז שווער צו דערווייטערן.**

רש"י הק' אין פרשת אחרי ברענגט א משל פון רבי אלעזר בן עזרי' אז דער דאקטאר וואס ווען ער רעדט צום חולה און ער לייגט אים צו די ווערטער 'שלא תמות כדרך שמת פלוני' איז א בעסערער דאקטאר פונעם דאקטאר וואס זאגט נישט די ווערטער, ווייל דער וואס לייגט צו די אזהרה אז יענער וואס האט נישט געפאלגט האט טייער באצאלט דערפאר, האט מער שאנסן אז ער זאל מצליח זיין, און ער זאל אנקומען צום ציל אז דער חולה זאל זיך דערשרעקן און פאלגן און דאן געזונט ווערן.

ליידער ליידער, בעוה"ר דער 'שלא תמות כדרך שמת פלוני' איז דאך ביי אונז אזוי נראה לעינים, וואו מ'שטייט און וואו מ'גייט באגעגענען מיר זיך מיט די פירות הנושרין, די פירות וואס זענען אראפגעריסן געווארן פון אונזער הייליגן גארטן, כרם ביבנה, כרמי שלי, אדאנק די היינטיגע כלי משחיתים וואס זייער השפעה איז ליידער גרעניצלאז, און דאך דארף מען נאך רעדן דערוועגן און מעורר זיין איבער די סכנה איומה כסדר.

עס איז א מציאות, עס איז א שאד יעדער דאלאר שכר לימוד, יעדער דאלאר פאר א פריוואטן מלמד וואס זאל לערנען מיט א בחור, אויב ער האט אין די קעשענע א 'פריוואטן מלמד'... און אפילו אויב ער האט דאס נישט אין 'זיין טאש', אבער אויב ער קען האבן צוטריט צו א כלי, דעמאלטס האט

די כלי אים 'פארפאקט אין טאש'. נאכדעם קענען שוין די אנדערע מחנכים בראקן און האקן, עס איז שוין נישטא צו וועמען צו רעדן.

דער מציאות איז אז עס זענען שוין אפגעהאלטן געווארן אזויפיל דרשות און כינוסים, אסיפות הסברות, תקנות הקהילות והמוסדות, ימ'ען מיט קונטרסים און אויפקלערונגען, בו בזמן ווען עס איז בכלל נישט קיין שאלה און קיין צווייפל אינעם מציאות הדברים, און נאך אלץ דארף מען רעדן, מסביר זיין און אויפקלערן, ווייל עס זענען דא מענטשן וואס ווילן נאך אלס נישט איינזען וואס עס גייט פאר.

עס האט אין די לעצטע טעג נאכגעזאגט א חשוב'ער מרביץ תורה ווערטער וואס ער האט געהערט פון א ביזנעסמאן וועלכער האט באקאנטשאפט אין די כלים מחמת מסחר, **"אויב האט איר א בחור וואס האט צוטריט צו איינע פון די כלים, דאן האט איר שוין בכלל נישט וואס צו רעדן צו אים, ער איז א וואנט, חרוב ונחרב, דאן בלייבט נאר איבער די ארבעט צו היטן די אנדערע בחורים זאלן נישט שטיין אין זיינע ד' אמות".**

**מ'קען ארייננקומען אין א בית המדרש, זאל דאס זיין אינמיטן דאווענען, צי אינמיטן לערנען, איבעראל דונערט א קול תורה, אבער איין בחור זיצט אויפן פלאץ, צומאל מיט די הייליגע תפילין אויפ'ן קאפ, און ער ווילדעוועט, זיינע פיס שאקלען זיך, די הענט קלאפן ווילד אויפן טיש, און די אויגן שטארן ארויס פון די לעכער, די באקן בלאזן זיך אים אויף לימינו ולשמאלו.**

פארשטייט איר פארוואס דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע האט געמוזט משלח זיין פון די ישיבה א בחור וואס האט זיך געטראפן א 'צווייטן רבי'ן'?!

יא, ליידער, עס גייט נישט אינאיינעם.

תרי קלי לא משתמעי, איינער וואס ס'זענען אזניו קשובות צו דברי עבירה ונבלה קען מער נישט מקבל תורה זיין פון א רבי'ן, און די איינציגסטע ברירה איז נאר צו אכטונג געבן אז די ארומיגע זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון אים.

## אינו דומה ראי' לשמיעה

און אז מ'רעדט שוין.

מ'טאר נישט מקיל זיין אינעם כח השמיעה. ווען עס איז א מציאות אז די וועלט פון **'אודיא'** האט זיך משתלט געווען אויף די מוחות פון דאס יונגווארג באופן נורא ואיום.

מיר האבן שוין פריער דערמאנט דעם מאמר חז"ל 'תרי קלי לא משתמעי'. דאס איז דער מציאות, איינער וואס די אויערן באלאנגען אים ביים זינגער אד"ג, דער קען נישט הערן וואס זיין רבי האט אים צו זאגן.

עס איז א מציאות וואס יעדער וועלכער איז רגיל ביי די צעירי הצאן ווייסט, אז עס איז רישומן ניכר מבחוץ, א בחור'ל וואס איז רגיל אין די אלע מוזיק וואס פארפלייצן די היינטיגע גאס, איז זיין קאפ נישטא, ער שוועבט אין אנדערע עולמות, און ער איז בכלל נישט קיין בר הכי אז ער זאל קענען קולט זיין תורה און דברי מוסר ויראת שמים.

מ'קען ארייננקומען אין א בית המדרש, זאל דאס זיין אינמיטן דאווענען, צי אינמיטן לערנען, איבעראל דונערט א קול תורה, אבער איין בחור זיצט אויפן פלאץ, צומאל מיט די תפילין אויפן קאפ, און ער ווילדעוועט, זיינע פיס שאקלען זיך, די הענט קלאפן ווילד אויפן טיש, און די אויגן שטארן ארויס פון די לעכער, די באקן בלאזן זיך אים אויף.

וואס איז?! דער ווילדער צעלאזטער ניגון וואס ער האט נעכטן געהערט שפילט אים אין קאפ, און איר קראפט צו פארטראגן דעם מענטש איז מיט גארנישט ווייניגער ווי א גרויס גלעזל אלקאהאל.

א 'סענסא' מיט ניגונים איז א מלמד! א מגיד שיעור! און א טאטע וואס איז פארנומען צו שאפן פאר זיינע קינדער פיינע מלמדים און מגידי שיעור דארף פריער מבער חמץ זיין אלע כלי זמר וואס די השפעה איז פארקערט אלע ווילדע מוזיק, אלע ניגונים אשר אין רוח חכמים נוחה הימנו.

און פאר ווער עס דערהערט דאס שווער, וועמען ס'דוכט זיך אז דאס איז איבערגעטריבן, קענען מיר זאגן מיט א זיכערהייט 'שלא תמות כדרך שמת פלוני' בעוונותינו הרבים, ווייל רבים חללים הפילה.

שוין אפגערעדט פון דעם ביטערן מציאות אין די לעצטע צייטן ווען שפלים ונבזים משולי השולים וואס טרעפן זיך קוים דאס ארט אין היימישע בתי מדרשים, און ערליכע אידן זענען זיי מרחק בתכלית, האבן גאר גענומען די רעכט צו פארקויפן השקפות אין זייערע קאסעטן. מ'מאכט ניגונים מיט אידישע חרוזים, מ'זאגט דארט אריין מיינונגען מיט ליצנות אויף מערערע יסודות'דיגע ענינים וואס באלאנגען פאר רבנים וגדולי תורה, און דאס גייט אריין כארס של עכנאי אין אידישע הערצער.

עס איז זיי נישט גענוג דאס וואס זיי זינגען בלויזע גוי'אישע ניגונים און לייגן דאס ארויף אויף ניגוני קודש, עשוני בניך ככינור שמזמרין בו לצים, איז לעצטנס געווארן אין סטייל צו זינגען ניגונים מיט 'מוסר', 'הדרכות', און 'השקפות', עס ווערט א מציאות אז לעצט-קלאסיגע פארשוינען רעדן אריין בענינים העומדים ברומו של עולם. און ווען די דברי בלע והסתה קומען נאך מיט'ן כח פון א ניגון מיט מוזיק, איז די השפעה שרעקליך, סם המות במלא מובן המילה.

עס דארף גענומען ווערן גאר ערנסט, דער פאקט דארף זייער קלאר געשטעלט ווערן, א טאטע וואס זיין הויז איז נישט ריין, זיינס א קינד קען האבן צוטריט צו די כלים, אדער סיי וועלכע פון די היינטיגע כלי משחיתים, איז א שאד יעדער דאלאר פאר שכר לימוד. ניטאמאל פאר בעיבי-סיטינג זאל ער צאלן פאר די ישיבה, ווייל דער בחור איז סיי ווי נישט אין די ישיבה, און די ישיבה קען אויף אים סיי ווי נישט האבן קיין השגחה.

אויב וויל מען היינט מצליח זיין מיט חינוך, מ'וויל זוכה זיין צו ערליכע קינדער, דארף מען וויסן אז נאך די ווארימע קאפיטלעך תהלים, נאך די הייסע טרערן ביים לעכט בענטשן, נאכ'ן בעטן אויף סיעתא דשמיא, דארף מען אליינס האלטן א שטארקע עינא פקיחא, נישט אראפנעמען קיין אויג פון די קינדער און נישט מסיח דעת זיין פון זיי אויף קיין איין רגע.

גלייכצייטיג איז אין פלאץ צו אפרעכטן א הייסע תפלה. דער ס"מ האט זיך פארלייגט אויפ'ן ערליכן אידישן חינוך איבער דער גארער וועלט, יעצט אין די געהויבענע טעג איז א פאסיגע צייט צו בעטן דעם טאטן אין הימל אז אונזער **"והגדת לבנך"** זאל פארזעצן ווייטער ביז משיח'ס טאג, אויפ'ן זעלבן דרך און מיט'ן זעלבן ריינקייט ווי אלע יארן ביז היינט.

ולה' הישועה - אינעם חודש אשר ישועות בו מקיפות.